בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת
יום א' | פ' האזינו | כ"ו אלול – א' סליחות | תשע"א | פסחים: צ"ט:

# באריכט:

דעם פארגאנגענעם ליל שב"ק איז מרן רבינו שליט"א אריינגעקומען צום שלחן הטהור אין היכל השלחנות ארום 9:30, אינאיינעם מיט די תלמידי הישיבות לצעירים פון קרית יואל.

מיט כל מקדש האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' שלמה זאבעל שליט"א מנהל ישיבה לצעירים ח"א, און מיט מנוחה ושמחה האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הר"ר וואלף לאנדא שליט"א מנהל ישיבה לצעירים ח"ב.

ביי די תורה האט זיך דער רבי שליט"א געשטעלט אויפ'ן פסוק אתם נצבים היום כולכם לפני ה"א, און אויסגעטייטשט בדרך דרוש אין די סוגיא פון מאכילין הקל הקל תחלה.

מיט קה אכסוף האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הגה"צ אב"ד קהלתינו לאנדאן שליט"א, און מיט קה רבון עלם האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הר"ר יואל אלישע וואזנער הי"ו פון בארא פארק בן הגה"צ אב"ד קהלתינו לאנדאן שליט"א.

מיט ברכהמ"ז האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מחותנו הגה"צ אב"ד אוהל משה מאנסי שליט"א, עובדות וסיפורים האט דער רבי שליט"א דערציילט פון הגה"ק ר' נתן אדלער זי"ע וועמענס יארצייט עס געפאלט די וואך, און מיט אז ביום השביעי האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר יעקב קליין הי"ו פון בני ברק.

שב"ק בייטאג ביי קריאת התורה האט מרן רבינו שליט"א קורא שם געווען צום נייעם אור-אייניקל – בת הנולד לנכדו הר"ר חיים יעקב רוקח שליט"א, ויקרא שמה בישראל פעסיל, ע"ש הרבנית הצדיקת ע"ה.

תפילת מוסף האט פאהרגעדאווענט דער גאסט הגה"צ אב"ד קהלתינו לאנדאן שליט"א.

נאכ'ן דאווענען איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' יעקב שמעון קויפמאן הי"ו ווי דער רבי שליט"א איז געווען סנדק און מוהל, און דערנאך איז

פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' בערל הירש הי"ו.

דערנאך איז פאהרגעקומען דער שמחת קידושא רבה לרגל די שמחה, ווי עס האט אויפגעטרעטן דער בעל שמחה הר"ר חיים יעקב שליט"א מיט דברי תורה, און דאן האט דער רבי שליט"א משמיע געווען דברות קודש לכבוד די שמחה, ווי דער רבי שליט"א האט זיך געשטעלט אויפ'ן פסוק אתם נצבים היום כולכם לפני ה"א, און דערציילט די מעשה פון בעלזע'ר רב זי"ע אז ער האט נישט געוואלט דאווענען אין א ביהמ"ד אהן אן עזרת נשים, און דער רבי שליט"א האט דערביי מסביר געווען די מעשה מיט א מימרא פון בעלזע'ר רב אז די צניעות פון א אידישע פרוי איז אן ענין פון מסירות נפש, און וויבאלד ביי תקיעת שופר איז דא אן ענין פון מקבל זיין מסירות נפש האט ער געוואלט האבן דעם כח פון די נשים וואס זיי האבן די כח פון מסי"נ דורך זייער צניעות, און דערפאר זענען נשים פטור פון תקיעת שופר, ווייל די מענער דארפן האבן דעם כח פון מסי"נ דורך תקיעת שופר, אבער די פרויען האבן שוין דעם כח דורך זייער צניעות.

הגה"צ אב"ד דקהלתינו לאנדאן שליט"א האט געגעסן דעם סעודת יום שב"ק ביים טיש פון מרן רבינו שליט"א בביתו נאוה קודש.

ביי די דברות קודש ביי סעודת שלישית האט זיך דער רבי שליט"א געשטעלט אויפ'ן פסוק אתם נצבים היום כולכם לפני ה"א, און אויסגעטייטש בדרך מוסר אז אידן בעטן דעם אייבערשטן השיבנו ה' אליך ונשובה, און דאס אליין ווערט גערעכנט ביי השי"ת ווי די חודו של מחט וואס דורכדעם עפענט דער אייבערשטער כפתחו של אולם מען זאל קענען תשובה טוהן און נתקרב ווערן, און דערנאך האט דער רבי שליט"א אויף נאך אן אופן געטייטשט מיט א משל פון בעש"ט הק'.

## במוצאי מנוחה
## לשמוע אל הרנה ואל התפילה

היינט – יום א' ד'סליחות פארטאגס ארום 5:20 איז דער רבי שליט"א ערשינעם אין ביהמ"ד הגדול אין קרית יואל צו אמירת סליחות, מעוטף בטליתו פון דודו מרן רביה"ק זי"ע, און האט אנגעהויבן פאהרזאגן דעם סליחות בקול מרוגש ובכי, זאגענדיג אינעם סליחות פון מרן רביה"ק זי"ע בעל דברי יואל.

שפעטער ארום 9:00 אזייגער איז מרן רבינו שליט"א ערשינען אין ביהמ"ד הגדול צו תפילת שחרית, ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר אברהם בערגער הי"ו פון וויליאמסבורג.

נאכ'ן דאווענען איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' לייב ב"ר שלום אליעזר (גזבר) פראנקעל הי"ו ווי דער רבי שליט"א איז געווען סנדק און מוהל.

## פיבערהאפטיגע הכנות לימי חודש תשרי בצל הקודש

אין די איצטיגע טעג ווערן געמאכט די לעצטע נויטיגע הכנות פאר די ימים טובים הבאים עלינו לטובה בצל הקודש אין וויליאמסבורג און קרית יואל, ווי די משמשים ד'קהלתינו הק' פארקויפן זיצן פאר אנשי שלומינו.

אין די זעלבע צייט גרייטן זיך שוין די עסקנים מיט זייערע פיבערהאפטיגע הכנות צו די צווייטע טעג פון יו"ט סוכות ווי אלפי אנ"ש וועלן זיך אי"ה מסתופף זיין בצל הקודש אין וויליאמסבורג.

פונעם "וועד האש"ל" ווערט איבערגעגעבן אז אין די קומענדיגע טעג וועט וועד האש"ל אין וויליאמסבורג מודיע זיין די דעטאלן פון דינגען און פארדינגען דירות אויף יו"ט.

אזוי אויך ווערן גרופירט גרופעס פון נסיעות דורך אנשי שלומינו פון איבער די וועלט ארויסצוקומען בשבת אחים אינאיינעם אויף יו"ט שמחת תורה. פרטים קען מען זעהן אויף די מודעות אין די לאקאלע בתי מדרשים די בכל אתר ואתר.

*-לקבל פני רבו בחג-*

## טויזענטער נשים צדקניות אין ניו יארק באטייליגן זיך היינט ביי די פארטי'ס

היינט דוירכאויס דעם טאג טוען זיך די נשים צדקניות פון אנשי שלומינו באטייליגן אין די מאסן ביי די יערליכע גאהר וויכטיגע צדקה פארטי'ס.

אין וויליאמסבורג קומט פאהר דער יאהר יערליכער פארטי פאר די מוסדות יטב לב בארה"ק וועלכער ווערט ארנזשירט און קומט פאהר אין שטוב פון מרת גאלדשטיין שתחי' אשת הרה"ח מוה"ר משה דוד גאלדשטיין הי"ו אויף 202 ראסס סט.

אין בארא פארק קומט פאהר דער יערליכער פארטי לטובת דעם בארימטן כולל דברי יואל וועלכער ווערט ארנזשירט דורך דער בארא פארק'ער רעביצין אין די זאלן פון הילמאן פלאזא.

*-תזכו למצוות-*

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.